***Krismes Prezents* by Katie Brown**

**(First published in Yiddish: *Di tsayt* 1949)**

I don't know what it's like in other Jewish homes, but in ours I find it so stressful every year when the holy festival of *krismes* comes round.

My children simply drive me crazy, constantly making plans for how to celebrate it.

First, they give me an ultimatum: that I have to buy each of them a *krismes prezent* if I don't want the festival to be ruined, because without *prezents*, *krismes* isn't *krismes*.

And second, we have to celebrate by having a party with a green tree and red lights, just like decent, respectable Jewish families do.

While I don't like the idea of celebrating *krismes*—it was never done in my parents' home or anywhere in my family—I never say anything as long as they celebrate it at their friends' houses.

Today, however, my Rachel begged me to throw a *krismes* party for her at home. She said that every year she goes to her friends', but this year, she wants to invite her friends here. I complained and protested about our cramped flat, and our lack of money in these hard times, but it didn't help. Indeed, nothing helped, and I had to submit to the ultimatum.

From then on I didn't have a moment's peace. My head was constantly spinning, thinking about how to organize it all, the *prezents* and the party, because a promise is a promise.

A few days earlier I'd noticed a large poster on a wall in Whitechapel announcing the good tidings that, at this place on a certain day, there'd be a Hanukkah bazaar where people could find bargains, with the profits going to an important cause.

On the evening of the Hanukkah charity bazaar, I took my mischievous Davy by the hand and went off to buy *krismes prezents*.

When we arrived, the square was already packed with customers who'd probably come for the same reason as me.

The stalls were prettily decorated in all sorts of colored paper. Some had electric lights that shone like stars in the sky, and others had *krismes* decorations with slogans like:

"Don't walk past us, buy bargains at cheap prices."

"You need our goods and we need your money," and so on.

The stallholders were beautiful, well-dressed women, and charming girls who

were drawing the attention of customers to their stalls.

Davy, the little devil, nagged me to buy him everything in the bazaar. I managed to get away with only buying him a Purim rattle.

I decided not to spend more than a few pounds, bearing in mind the *krismes* party that I had to throw for my pious children.

Unfortunately, we women have a weakness for buying everything we see, and there's no fighting such a desire. So I walked slowly from stall to stall and considered everything I saw, looked at each thing from every angle, considered it again, and put it back down, as one does. In one corner I saw a stall with a sign "Only exquisite items sold here," which was very appealing. The stallholder, a pretty Jewish girl, also impressed me. I went over to look at the "exquisite items" in the hope that I'd find something there from our friend Moshe Oved's jewelry shop, because he's generous and often gives items to charitable causes. But no, the things on the stall were different. There was a pretty pair of ladies' shoes. I bought them for my daughter, who'd be going to a friend's wedding and had already bought an evening dress, which the shoes would match. The price was reasonable, so I paid and asked for them to be wrapped.

Davy had also seen a pair of trousers he really liked on the stall, and he begged me to buy them, promising to learn the Four Questions by heart for *Pesach* in return.

I was so happy that he remembered *Pesach* existed as well as *krismes*, that I bought the trousers for him. Then I remembered that my old man hadn't a decent shirt to wear, and especially now that we were going to be throwing an evening party for respectable company, I had to get him a *prezent*. At the same stall I bought him a white shirt with a collar and a red tie, just as he liked, thinking that he should look smart at least once a year.

After this I decided not to spend any more money, and set off for home.

We were standing by the exit when I caught sight of a fur coat on another stall and had a sudden desire to get it. For many years I'd coveted such a coat and was jealous of any woman who owned something like that. I checked my purse and saw that I still had a few pounds left. I forgot about the party and decided to buy myself the coat. Decision made, I marched over to the stall, mulled over the bargain, tried it on, and liked how it looked in the mirror. With a happy smile, I thought to myself: Let my enemies eat their hearts out and think that I've won the Irish Sweepstake. They'd be so jealous of me. I bought it, they wrapped up the precious item, and Davy and I left.

On the way home I began to regret spending all my money, because now I'd have to work out how to borrow money to get the party together. If not, my daughter would move out, as she'd done a few times before, and I'd be without a breadwinner.

Getting home, out of breath from dragging the heavy packages, I arrived in the house puffing and thanked God that I hadn't run into anyone on the way. I instinctively felt that I should open up the packages on my own and have a look at my bargains.

I set out the individually wrapped packages, looked at them, and thought I was going to pass out.

My Rachel's shoes were both for the left foot. Davy's trousers were full of holes, my husband's new shirt was stained, and my fur coat that I wanted to show off to my enemies was moth-eaten. Davy was afraid to come near me in case I took my anger out on him, and he cleared out of the house.

When my old man came home, my problems really began in earnest. He looked at the *krismes prezents* I'd spent so much on, was furious, and decided that there was no way we were going to have a *krismes* party, and not only that, but we were going to have a Hanukkah party instead. I was delighted and asked him when Hanukkah was. He said he didn't know. I said, How come you're a Jew and you know when *krismes* is but not when it's Hanukkah?

He replied that *krismes* came every year on the same day on the calendar, but Hanukkah doesn't, and he promised to ask the *shammes* of the synagogue.

So it was decided that this year we'd celebrate Hanukkah, and *krismes* would be left to the *goyim*.

But when he asked the *shammes* when Hanukkah was, the *shammes* looked at him as if he was crazy, laughed heartily, and said that Hanukkah was two weeks ago.

So, as you can see, this year we're left without a *krismes* party and without a Hanukkah party. Oh, well, too bad, I thought.

And when I thought it over, I realized I shouldn't take it to heart because the pounds spent on *prezents* had, in any case, gone to a good cause.

*Krismes Presents by Katie Brown, translated by Vivi Lachs. From London Yiddishtown: East End Jewish Life in Yiddish Sketch and Story, 1930-1950 © Vivi Lachs, 2021. Used by permission of Wayne State University Press.*

***Kristmes prezents***

**Fun Katie Brown**

***Di tsayt*, 1949**

Ikh veys nisht vi azoy es iz in andere idishe hayzer nor bay mir hob ikh oystsushteyn groyse tsores, yedes yor ven es kumt der heyliker yontef kristmes.

Mayne kinder dergeyen mir poshet di yorn, men halt in eyn makhn plener, vi azoy, un oyf vos far an oyfn tsu farbrengen dem yontef.

Ershtns, git men mir an ultimatum, az ikh muz far yedn fun zey koyfn a kristmes prezent, oyb ikh vil nisht hobn keyn farshtertn yontef, vayl on dem iz kristmes keyn kristmes nisht…

Tsveytns darf men im fayern mit a fayner parti mit a grinem boym, mit royte likhtlekh, azoy vi es firt zikh bay laytishe un balebatishe yidn.

Trots dem vos mir iz dos nisht gefeln, vayl ikh hob es nisht gezen bay mayne eltern, un bay keynem fun mayn mishpokhe, hob ikh gornisht gezogt, azoy lang zey flegn geyn pravn dem yontef bay zeyere fraynd, vu ahin men hot zey yedes yor farbetn.

Haynt ober, hot zikh mayn tokhter tsugetshepet tsu mir, nisht andersh nor ikh zol ir makhn a kristmes parti do bay mir in der heym. Ale yorn zogt zi, geyt zi tsu di fraynd, haynt, vil zi farbetn ire fraynd tsu zikh, es hot nisht geholfn mayn taynen un betn zikh bay ir, az ikh ken zikh aza fargenign nisht derloybn, ershtns tsulib mayn enger voynung, tsveytns tsulib mangl in gelt in der itstiker shlekhter tsayt.

Ober es hot keyn zakh nisht geholfn, ikh hob gemuzt zikh untervarfn dem ultimatum.

Fun dan on hob ikh nisht gehat keyn ruike minut, es halt mir in eyn dreyen der moyekh, vi azoy dem inyen adurkhtsufirn, say mit di prezenter, say mit der parti, vayl tsugezogt iz tsugezogt.

Mit etlekhe teg tsurik, hob ikh bamerkt a groysn afish, oyf a vant in vaytshepl, velkher zogt undz on a gute psure az in dem plats, in a gevisn tog, efnt zikh oyf a khanike bazar, vu men vet kenen koyfn metsies tsu bilike prayzn, un der profit geyt far a vikhtikn tsvek.

Dem gevisn ovnt, hob ikh genumen mayn deyvelen dem mazek bay der hant, un avek mit im tsum khanike bazar, koyfn kristmes prezents…

Araynkumendik ahin, iz shoyn der plats geven gepakt mit koynim, velkhe zenen minastam gekumen tsulib dem zelbn tsvek vos ikh.

Di stols zenen geven fayn farputst, mit farshidene kolirn papir, oyf andere hobn oykh gebrent elektrishe lempelekh velkhe hobn geshaynt vi shtern oyfn himl, un nokh andere kristmes dekoratsyes, mit oyfshriftn azelkhe vi:

"Geyt undz nisht farbay, koyft metsies far bilige prayzn

Ir darft undzere skhoyres un mir darfn ayer gelt" un azoy vayter.

Di farkoyferins zenen geven sheyne, alte un yunge oysgeputste froyen un kheynevdike meydelekh velkhe hobn getsoygn di oyfmerkzamkayt fun yedn farbaygeyer tsu zeyere stols.

Mayn deyvele der mazik hot fun mir gerisn shtiker, khotsh gey un koyf im op dem gantsn bazar, es iz mir koym gelungen im optsukoyfn a grager oyf purim…

Ikh hob bay zikh opgemakht, nisht oystsugebn mer vi etlekhe getseylte funt, hobndik in zinen di kristmes parti velkhe ikh darf nokh makhn far mayne frume kinder.

Tsum badoyern hobn mir froyen a shvakhkayt tsu koyfn ale vos di oygn zen, un gegn dem kheyshek ken men keyn giber nisht zayn, shpatsir ikh mikh arum langzam, fun stol tsu stol, batrakht yede zakh vos dort gefint zikh, drey yede zakh iber oyf ale zaytn, batrakht es gut, un leyg tsurik avek, azoy vi der shteyger iz… In a vinkl hob ikh derzen a stol, mit an oyfshrift, "Do farkoyft men bloyz antikn". Dos iz mir shtark gefeln, di farkoyferin a sheyn idish meydl hot mikh oykh shtark imponirt. Bin ikh tsugegangen batrakhtn di antikn, mit der hofenung dort tsu gefinen etlekhe antikn fun undzer fraynd moyshe oveds[1] gesheft, vayl ikh veys az er hot a gut harts, tsu gebn far azelkhe tsvekn… ober neyn, dort zenen gelegn andere antikn. Ikh hob dort gezen a por fayne damen-shikh. Ikh hob zey gekoyft far mayn tokhter, velkhe darf geyn oyf a khasene tsu ir khaverte. Zi hot shoyn gekoyft an ivning dres tsu velkhn di shikh veln pasn, der prayz iz geveyn tsugenglekh, hob ikh zey geheysn aynpakn un batsolt.

Mayn deyvele hot oykh oyf dem stol fun di antikn, derzen a por heyzlekh, velkhe zenen im shtark gefeln, hot er zikh bay mir genumen betn, ikh zol zey far im koyfn. Derfar hot er mir tsugezogt, vet er oyf peysekh oyslernen di fir kashes fun oysvenik.

Dos iz mir shtark gefeln, vos er gedenkt nokh, az akhuts kristmes, iz nokh faran a peysekh oykh… hob ikh im gekoyft di heyzlekh. Ikh hob zikh dermont, az der alter mayner hot nisht keyn laytish hemd ontsuton. Iberhoypt itst ven men darf zikh tsuzamen kumen mit laytishe mentshn, tsu farbrengen an ovent, un a prezent muz ikh im dokh say vi koyfn. Hob ikh im oyf dem stol mit antikn gekoyft a vays hemd mit a kolner, un a roytn kravat, azoy vi er hot lib, un getrakht, zol er khotsh eyn mol in yor oyszen vi a mentsh…

---

[1] Moshe Oved: London Yiddish writer and jeweller, who owned a jewellery shop called Cameo Corner near the British Museum.

Nokh dem hob ikh bashlosn, mer keyn gelt nisht oystsugebn, un gelozt zikh geyn aheym.

Shoyn shteyendik baym oysgang, hob ikh derzen, fun vaytn oyf a stol, a futernem mantl, tsu velkhn ikh hob shtark kheyshek bakumen, shoyn yorn lang hob ikh bagert aza mantl, un mekane geveyn yene froyen velkhe hobn farmogt aza malbesh. Ikh hob a tap geton bay zikh in keshene, derzen az es iz nokh faran etlekhe funt, hob ikh fargesn in der parti, un bashlosn tsu koyfn dem mantl far zikh. Azoy bashlosn, bin ikh tsugegangen tsum stol, batrakht di metsie, im ongemostn, arayngekukt in shpigl, un, ven ikh hob oysgefunen, az er past mir, hob ikh a tsufridenem shmeykhl geton, un getrakht bay zikh: zoln mayne sonim platsn, zoln zey meynen az ikh bin baglikt gevorn un gevunen dem ayrishn svip steyk, zoln zey zikh mekane zayn… ikh hob batsolt, men hot mir ayngepakt dem antik, un ikh bin mit mayn deyvelen aroys fun dort.

Geyendik aheym, oyfn veg, hot mir shoyn genumen bang ton, halmay ikh hob oysgegebn dos gantse gelt. Un itst vel ikh muzn dreyn dem kop, un borgn gelt oyf tsuzamenshteln di parti, oyb nisht vet mayn tokhter zikh aroysmufn fun mir, un ikh vel blaybn on a parnose-geberin, azoy vi zi hot shoyn eynike mol geton…

Aheym kumendik, a farsopete fun shlepn di shvere pek, bin ikh on an otem koym arayngefaln in shtub, un gedankt got, vos ikh hob keynem nisht getrofn. Epes hob ikh instinktiv derfilt, az ikh muz aleyn efenen di peklekh, un batrakhtn di metsies. Un azoy vi dos harts volt mir gezogt.

Ikh hob zikh genumen funander viklen di peklekh, batrakhtn di zakhn, iz mir gevorn finster far di oygn…

Mayn tokhters shikh zenen geven beyde far den linkn fus. Deyveles heyzlekh hobn gehat lekher, mayn mans naye hemd hot gehat alte flekn, un mayn futerner mantel, mit velkhn ikh hob gezolt shtoltsirn gegn mayne sonim, iz geven tsefresn fun milbn… Mayn deyvele hot moyre bakumen ikh zol mayn bitern kas nisht oyslozn tsu zayn kop, hot zikh opgetrogn un aroys fun shtub.

Ven mayner iz aheym gekumen hobn zikh ersht ongehoybn mayne tsores. Derzeyendik di kristmes prezenter velkhe ikh hob ayngehandelt, un oysgegebn azoy fil gelt, hot er fun groys kas bashlosn nisht tsu makhn keyn kristmes parti, ober oyf tselokhes veln mir dafke makhn a khanike parti. Dos yor, bin ikh tsefridn geven, un freg zikh bay im, ven iz khanike? Entfert er az er veyst nisht… zog ikh staytsh, du bist dokh a yid, farvos zhe veystu ven es iz kristmes, un du veyst nisht ven es iz khanike?

Zogt er, az kristmes kumt oys  yedes yor dem zelbn tog, loyt dem kalendar, un khanike nisht, ober er hot mir tsugezogt, tsu fregn zikh baym shames fun zayn shul.

Alzo, azoy iz geblibn, az hay-yor pravn mir khanike un dem kristmes lozn mir tsu di goyim.

Makht zikh a mayse, az ven er hot gefregt dem shames, ven es kumt oys khanike, hot yener im ongekukt vi meshuge, zikh shtark tselakht un geentfert, az khanike iz shoyn geven mit tsvey vokhn tsurik…

Iz azoy vi ir zet zenen mir dos yor geblibn on a kristmes un on a khanike parti. Meyle farfaln trakht ikh.

Ober ven ikh hob zikh baruikt, hob ikh ayngezen, az vegn di prezents velkhe ikh hob gekoyft, darf ikh zikh nisht nemen tsum hartsn vayl say vi geyt der fond far a vikhtikn tsvek.

# קריסטמעס פרעזענטס!

איך ווייס נישט ווי אזוי עס איז אין אנדערע אידישע הייזער נאָר ביי מיר האָב איך אויסצושטעהן גרויסע צרות, יעדעס יאָהר ווען עס קומט דער הייליגער יום־טוב קריסטמעס.

מיינע קינדער דערגעהען מיר פשוט די יאָהרען, מען האלט אין איין מאַכען פלענער, ווי אזוי, און אויף וואָס פאַר אַן אופן צו פאַרברענגען דעם יום־טוב.

ערשטענס, גיט מען מיר אַן אולטימאַטום, אַז איך מוז פאַר יעדען פון זיי קויפען אַ קריסטמעס פּרעזענט, אויב איך וויל נישט האָבען קיין פאַר־שטערטען יום־טוב, ווייל אהן דעם איז קריסטמעס קיין קריסטמעס נישט....

צווייטענס דאַרף מען איהם פייערען מיט אַ פיינער פארטי מיט אַ גרינעם בוים, מיט רויטע ליכטלעך, אזוי ווי עס פיהרט זיך ביי לייטישע, און בעל הביתישע אידען.

טראָץ דעם וואָס מיר איז דאָס נישט געפעלען, ווייל איך האָב עס נישט געזעהן ביי מיינע עלטערען, און ביי קיינעם פון מיין משפחה, האָב איך גאָרנישט געזאָגט, אזוי לאַנג זיי פלעגען געהן פראַווען דעם יום טוב ביי זייערע פריינד, וואו אַהין מען האָט זיי יעדעס יאָהר פאַרבעטען.

היינט אָבער, האָט זיך מיין טאָכטער צוגעשטעפּעט צו מיר, ניט אנדערש נאָר איך זאָל איהר מאַכען אַ קריסטמעס פארטי דאָ ביי מיר אין דער היים. אַלע יאָהרען זאָגט זי, געהט זי צו די פריינד, היינט, וויל זי פאַרבעטען איהרע פריינד צו זיך, עס האָט נישט געהאָלפען מיין טענה'ן און בעטען זיך ביי איהר, אַז איך קען זיך אַזאַ פאַרגעניגען נישט ערלויבען, ערשטענס צוליב מיין ענגער וואוינונג, צווייטענס צוליב מאַנגעל אין געלט אין דער איצטיגער שלעכטער צייט.

אָבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפען, איך האָב געמוזט זיך אונטער־ווארפען דעם אולטימאַטום.

פון דאַן אָן האָב איך נישט געהאַט קיין רוהיגע מינוט, עס האַלט מיר אין איין דרייען דער מוח, ווי אזוי דעם ענין אדורכצופיהרען, סיי מיט די פרעזענטער, סיי מיט דער פארטי, ווייל צוגעזאָגט, איז צוגעזאָגט.

מיט עטליכע טעג צוריק, האָב איך באַמערקט אַ גרויסען אַפיש, אויף אַ וואַנט אין ווייטשעפּעל. וועלכער זאָגט אונז אָן אַ גוטע בשורה אַז אין דעם פּלאַץ, אין אַ געוויסען טאָג, עפענט זיך אויף אַ חנוכה באַזאַאר, וואו מען וועט

קענען קויפֿען מציאות צו ביליגע פרייזען, און דער פּראָפיט געהט פֿאַר א וויכטיגען צוועק.

דעם געוויסען אבענד, האב איך גענומען מיין דייוועלען דעם מזיק ביי דער האַנט, און אַוועק מיט איהם צום חנוכה באַזאַר, קויפֿען קריסטמעס פּרעזענטס....

אריין קומענדיג אהין, איז שוין דער פּלאַץ געווען געפּאַקט מיט קונים, וועלכע זענען מן הסתם געקומען צוליב דעם זעלבען צוועק וואס איך.

די סטאָלס זענען געווען פֿיין פֿארפוצט, מיט פֿארשידענע קאָלירען פּאַפּיר, אויף אַנדערע האָבען אויך געברענט עלעקטרישע לעמפּעלעך וועלכע האָבען געשיינט ווי שטערען אויפֿן הימעל, און נאָך אַנדערע קריסטמעס דעקאָראַציעס, מיט אויפֿשריפֿטען אַזעלכע ווי:

„געהט אונז נישט פֿארביי, קויפֿט מציאות פֿאַר ביליגע פּרייזען
איהר דאַרפֿט אונזערע סחורות און מיר דאַרפֿען אייער געלט" א.ז.וו.

די פֿארקויפֿערינס זענען געווען שעהנע, אַלטע און יונגע אויסגעפּוצטע פֿרויען, און חנעוודיגע מיידלעך, וועלכע האָבען געצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון יעדען פֿארבייגעהער צו זייערע סטאָלס.

מיין דייוועלע דער מזיק, האָט פֿון מיר געריסען שטיקער, כאָטש געה און קויף איהם אָב דעם גאַנצען באַזאַר, עס איז מיר קוים געלונגען איהם אבצוקויפֿען א גראַגער אויף פּורים. . .

איך האָב ביי זיך אָבגעמאַכט, נישט אויסצוגעבען מעהר ווי עטליכע געצעהלטע פֿונט, האַבענדיג אין זינען די קריסטמעס פּארטי וועלכע איך דאַרף נאָך מאַכען פֿאַר מיינע פֿרומע קינדער.

צום באַדויערען האָבען מיר פֿרויען א שוואַכקייט צו קויפֿען אַלץ וואָס די אויגען זעהען, און געגען דעם חשק קען מען קיין גבור נישט זיין, שפּאַציר איך מיר אַרום לאַנגזאַם, פֿון סטאָל צו סטאָל, באַטראַכט יעדער זאַך וואָס דאָרט געפֿינט זיך, דרעה יעדער זאַך איבער אויף אַלע זייטען, באַטראַכט עס גוט, און לייג צוריק אוועק, אַזוי ווי דער שטייגער איז.... אין א ווינקעל האָב איך דערזעהן א סטאָל, מיט אַן אויפֿשריפֿט, „דאָ פֿארקויפֿט מען בלויז אַנטיקען" דאָס איז מיר שטאַרק געפֿעלען, די פֿארקויפֿערין א שעהן אידיש מיידעל האָט מיך אויך שטאַרק אימפּאָנירט. בין איך צוגעגאַנגען באַטראַכטען די אַנטיקען, מיט דער האָפֿנונג דאָרט צו געפֿינען עטליכע אַנטיקען, פֿון אונזער פֿריינד משה עובר'ס געשעפֿט, ווייל איך וויים אַז ער האָט א גוט האַרץ, צו געבען פֿאַר אַזעלכע צוועקען.... אָבער ניין, דאָרט זענען געלעגען אַנדערע אַנטיקען. איך האב דאַרט געזעהן א פּאָר פֿיינע דאַמען שיך. איך האב זיי געקויפֿט פֿאַר מיין טאָכטער, וועלכע דאַרף געהן אויף א חתונה צו איהר חבר'טע, זי האָט שוין געקויפֿט אַן איוונינג דרעס, צו וועלכען די שיך וועלען פּאַסען, דער פּרייז איז געווען צונענגלעך, האָב איך זיי געהייסען איינפּאַקען און באַצאָהלט.

מיין דייוועלע האָט אויך אויף דעם סטאָל פֿון די אַנטיקען, דערזעהען

א פּאָר הייזלעך, וועלכע זענען איהם שטאַרק געפֿעלען, האָט ער זיך ביי מיר גענומען בעטען, איך זאָל זיי פֿאַר איהם קויפֿען, דערפֿאַר האָט ער מיר צוגע־זאָגט, וועט ער אויף פּסח אויסלערנען די פֿיער קשיות פֿון אויסווייניג.

דאָס איז מיר שטאַרק געפֿעלען, וואָס ער געדענקט נאָך, אַז אַחוץ קריסטמעס, איז נאָך פֿאַראַן אַ פּסח אויך.... האָב איך איהם געקויפֿט די הייזלעך, איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער אַלטער מיינער, האָט נישט קיין ליטיש העמד אָנצוטאָן. איבערהויפּט איצט ווען מען דאַרף זיך צוזאַמען קומען מיט ליטישע מענשען, צו פֿאַרברענגען אָן אבענד, און אַ פּרעזענט מוז איך איהם דאָך סיי ווי קויפֿען, האב איך איהם אויף דעם סטאָל מיט אנטיקען געקויפֿט אַ ווייס העמד מיט א קאָלנער, און א רויטען קראַוואַט, אַזוי ווי ער האָט ליב, און געטראַכט, זאָל ער כאָטש איין מאָל אין יאָהר אויסזעהן ווי אַ מענש....

נאָך דעם האָב איך באַשלאָסען, מעהר קיין געלט נישט אויסצוגעבען, און געלאָזט זיך געהן אַהיים.

שוין שטעהענדיג ביים ארויסגאַנג, האָב איך דערזעהן, פֿון ווייטען אויף אַ סטאָל, אַ פֿוטערנעם מאַנטעל, צו וועלכען איך האָב שטאַרק חשק באַקומען, שוין יאָהרען לאַנג האָב איך באַגעהרט אַזאַ מאַנטעל, און מקנא געווען יענע פֿרויען וועלכע האָבען פֿאַרמאָגט אַזאַ מלבוש. איך האָב אַ טאַפּ געטהון ביי זיך אין קעשענע, דערזעהן אַז עס איז נאָך פֿאַראַן עטליכע פֿונט, האָב איך פֿאַרגעסען אין דער פּאַרטי, און באַשלאָסען צו קויפֿען דעם מאַנטעל, פֿאַר זיך. אַזוי באַשלאָסען, בין איך צוגעגאַנגען צום סטאָל, באַטראַכט די מציאה, איהם אנגעמאָסטען, אריינגעקוקט אין שפּיגעל, און, ווען איך האָב אויסגעפֿונען, אַז ער פּאַסט מיר, האָב איך אַ צופֿרידענעם שמייכעל געטהון, און געטראַכט ביי זיך: זאָלען מיינע שונאים פּלאַצען, זאָלען זיי מיינען אַז איך בין באַגליקט געוואָרען און געוואונען דעם איירישען סוויפּ סטייק, זאָלען זיי מיך מקנא זיין... איך האָב באַצאָהלט, מען האָט מיר איינגעפּאַקט דעם אַנטיק, און איך בין מיט מיין דייוועלען אַרויס פֿון דאָרט.

געהענדיג אַהיים, אויפֿן וועג, האָט מיר שוין גענומען באַנג טהון, הלמאי איך האָב אויסגעגעבען דאָס גאַנצע געלט, און איצט וועל איך מוזען דרייען דעם קאָפּ, און באָרגען געלט אויף צוזאַמענצושטעלען די פּאַרטי, אויב נישט וועט מיין טאַכטער זיך ארויסמופֿען פֿון מיר, און איך וועל בלייבען אהן אַ פּרנסה־געבערין, אַזוי ווי זי האָט שוין איינינע מאָל געטהון....

אַהיים קומענדיג, אַ פֿאַרסאָפּעטע פֿון שלעפּען די שווערע פּעק, בין איך אהן אַ אטהעם קוים אריינגעפֿאַלען אין שטוב, און געדאַנקט גאָט, וואָס איך האָב קיינעם נישט געטראָפֿען, ערעס האָב איך אינסטינקטיוו דערפֿיהלט, אַז איך מוז אליין עפֿענען די פּעקלעך, און באַטראַכטען די מציאות. און אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט.

איך האָב זיך גענומען פֿונאַנדער וויקלען די פּעקלעך, באַטראַכטען די זאַכען, איז מיר געוואָרען פֿינסטער פֿאַר די אויגען...

מיין טאכטער׳ס שיך זענען געווען ביידע פֿאר דעם לינקען פֿוס.

דייוועלעס הייזלעך האָבען געהאט לעכער, מיין מאַנ׳ס נייע העמד האָט געהאַט אַלטע פֿלעקען, און מיין פֿוטערנער מאנטעל, מיט וועלכען איך האָב געזאָלט שטאָלצירען געגען מיינע שונאים, איז געווען צופֿרעסען פֿון מילבען.... מיין דייוועלע האט מורא באקומען איך זאָל מיין ביטערען כעס נישט אויסלאָזען צו זיין קאָפּ, האָט זיך אָבגעטראָגען און ארויס פֿון שטוב.

ווען מיינער איז אהיים געקומען האבען זיך ערשט אנגעהויבען מיינע צרות, דערזעהענדיג די קריסטמעס פרעזענטער וועלכע איך האָב איינגעהאנדעלט, און אויסגעגעבען אזוי פֿיל געלט, האָט ער פֿון גרויס כעס באשלאָסען נישט צו מאכען קיין קריסטמעס פארטי, אבער אויך צו להכעיס וועלען מיר דוקא מאכען א חנוכה פארטי. דאס יאהר, בין איך צופֿרידען געווען, און פֿרעג זיך ביי איהם, ווען איז חנוכה? ענטפֿערט ער אז ער ווייסט נישט... זאָג איך סטייטש, דו ביזט דאָך א איד, פֿארוואָס זשע ווייסטו ווען עס איז קריסטמעס,און דו ווייסט נישט ווען עס איז חנוכה?

זאגט׳ער, אז קריסטמעס קומט אויס יעדעס יאָהר דעם זעלבען טאָג, לויט דעם קאָלענדאר, און חנוכה נישט, אָבער ער האָט מיר צוגעזאָגט, צו פֿרעגען זיך ביים שמש פֿון זיין שוהל.

אלזאָ, אַזוי איז געבליבען, אַז היי־יאָהר פראווען מיר חנוכה און דעם קריסטמעס לאָזען׳מיר צו די גוים.

מאכט זיך א מעשה, אַז ווען ער האָט געפֿרעגט דעם׳שמש, ווען עס קומט אויס חנוכה, האָט יענער איהם אָנגעקוקט ווי משוגע, זיך שטארק צולאכט און געענטפערט, אז חנוכה איז שוין געווען מיט צוויי וואכען צוריק...

איז אזוי ווי איהר זעהט זענען מיר דאס יאהר געבליבען אהן א, קריסטמעס, און אהן א חנוכה פארטי. מילא פֿארפֿאלען טראכט איך.

אבער ווען איך האב זיך בארוהיגט, האב איך איינגעזעהן, אז וועגען די פרעזענטס וועלכע איך האָב געקויפֿט, דארף איך זיך נישט נעהמען צום הארצען ווייל סיי ווי געהט דער פֿאָנד פֿאר א וויכטיגען צוועק...